בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויקהל תשפ"ה | שבת פרה | גליון 786 [שנה י"ז]

**זאגן ויכולו שבת איז אויך א מעשה**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם: (לה א) לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט אֵלֶּה הַדְּבָרִים א לשון פון דיבור ביי לַעֲשֹׂת אֹתָם? נאר עס שטייט אין גמ' (שבת דף קי"ט ע"ב) אז אפילו א יחיד איז מתפלל ערב שבת דארף ער זאגן ויכולו ווייל רב המנונא זאגט כל המתפלל בע"ש ואומר ויכולו איז גערעכנט ווי ער ווערט א שותף צו הקב"ה אין די מעשה בראשית, זאגט רבי אלעזר פון וואו איז די ראי' אז א דיבור איז ווי א מעשה? ווייל עס שטייט (תהלים לג ו) בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ. זעהט מען אז די דיבור פון ה' איז א מעשה, ממילא קען זיין דער רמז אין פסוק, אֵלֶּה הַדְּבָרִים מיינט די זאגן ווערטער פון ויכולו, אז מען זאגט דאס איז ווי א מעשה און מען ווערט א שותף מיט הקב"ה אין מעשה בראשית. (שמח זבולון תשפ"ה)

**אגב פי' הנ"ל**

שטייט צוויי מאמרים (שבת דף קי"ט ע"א) רב המנונא זאגט כל המתפלל בע"ש און זאגט ויכולו מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית, און רב חסדא זאגט כל המתפלל בע"ש און זאגט ויכולו שני מלאכי השרת המלוין לו לאדם מניחין ידיהן על ראשו ואומרים לו (ישעיהו ו ז) וְסָר עֲוֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר: און דער אויבערשטער איז אים מוחל, וואלט מען געקענט זאגן אז ביידע מאמרים זענען געבונדן, ווייל עס שטייט אין (אבות א ז) אַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע, מען טאר זיך נישט באהעפטן צו א רשע, יעצט אז דער אויבערשטער דארף ווערן א שותף אין מעשה בראשית צו דער איד וואס זאגט ויכולו ערב שבת, און אויב ער איז א רשע וועט דאך דער אויבערשטער נישט קענען ווערן א שותף מיט א רשע! דעריבער זאגט רב חסדא אז דער וואס זאגט ויכולו קומען צוויי מלאכים און זאגן וְסָר עֲוֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר, אז ער איז ריין פון עבירות און ווערט אויס רשע, אלעס כדי דער אויבערשטער זאל אים נעמען פאר א שותף אין מעשה בראשית, זענען די צוויי מאמרים שטארק געבונדן. (משבצי שלמה מינצבערג)

**פארוואס שטייט די גאנצע יחוס פון בצלאל דא**

בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה: (לה ל) זאגט רש"י אז חור איז געווען דער זון פון מרים. איז דער שפתי חכמים מסביר אז רש"י ווייל באווארענען פארוואס רעכנט אויס די יחוס פון בצלאל צו חור און נישט נאר צו אורי? נאר די תורה וויל זאגן אז בְּצַלְאֵל האט זוכה געווען צו אזעלכע מדריגות ווייל ער שטאמט פון מרים הנביאה. איז שווער פארוואס זאגט דאס רש"י נאר דא און נישט אויך אין פרשת כי תשא ווען עס שטייט בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי? נאר מיר ווייסן פון די גמ' אז עס קען זיין צוויי יוסף בן שמעון אין א שטאט, אבער צוויי מענטשן מיט די זעלבע נעמען דריי דורות איז נישט שכיח. דעריבער רעכנט מען דריי דורות בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר אז ער איז דער זעלבער בְּצַלְאֵל וואס עס שטייט ביז יעצט. (דברי נגידים)

**אפילו גאלד איז געווען מער ווי גענוג!**

וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם לְכָל הַמְּלָאכָה לַעֲשׂוֹת אֹתָהּ וְהוֹתֵר: (לו ז) פארוואס דארף שטיין די ווארט "לְכָל"? נאר עס שטייט ענדע פון פסוק וְהוֹתֵר אז עס איז איבערגעבליבן, און די אידן האבן געברענגט זהב וכסף ונחשת, וואלט מען געקענט מיינען אז עס זענען געווען מער פון די זילבער און קופער, און גאלד האט אויסגעפעלט און פון די איבעריגע כסף און נחשת האט מען געקויפט גאלד, דעריבער איז די פסוק מפליא כלל ישראל אז דַיָּם "לְכָל" הַמְּלָאכָה, צו אלע מלאכות איז געווען מער ווי גענוג, ווייל מען האט געברענגט אסאך גאלד אויך. (פנים יפות עה"ת)

**הגדה של פסח**

**א שיינע רמז אויף וְהִיא שֶׁעָמְדָה**

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ, שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. שטייט אין גמ' (סנהדרין ק"ב ע"א) אויפן וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי עֲלֵהֶם חַטָּאתָם: (שמות לב לד) רַבִּי יִצְחָק זאגט אז אלע פּוּרְעָנוּת וואס קומט אויף די וועלט איז אין דעם אויך א חלק עונש אויפן עֵגֶל הָרִאשׁוֹן, און רש"י איז דאס מסביר וּבְיוֹם פָּקְדִי, ווען איך וועל אייך געבן א עונש דעמאלט "וּפָקַדְתִּי עֲלֵיהֶם" א ביסל פון די עונש וועט זיין ווענגן חטא העגל. וז"ל וְאֵין פֻּרְעָנוּת בָּאָה עַל יִשְׂרָאֵל, שֶׁאֵין בָּהּ קְצָת מִפֵּרָעוֹן עֲוֹן הָעֵגֶל. איז מסביר דער דובנא מגיד א משל פון א קעניג וואס האט געוואלט שטראפן זיין זון און האט באפוילן מען זאל אים פארשטיינען מיט א גרויסע שטיין, וואס דאס קען חלילה הרגענען זיין זון ווען עס באטרעפט אים, צום סוף האט די מלך רחמנות געהאט, אבער א גזירה פון קעניג קען מען נישט מבטל זיין, האט אים א חכם געגעבן א עצה מען זאל צומאלן דעם שטיין אויף שטיקלאך און עס ווארפן אויפן זון אזוי וועט מען ווארפן דעם שטיין און זיין זון וועט בלייבן לעבן, דאס איז געווען די עונש פון חטא העגל דאס צוטיילן אויף קלענערע עונשים אז כלל ישראל זאל קענען דערהאלטן ע"כ, דאס איז דער רמז וְהִיא וואס דער אויבערשטער האט צוטיילט די שטראף פון עגל, שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ האט אונז דערהאלטן, ווייל שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ ער האט נישט מעניש געווען מיט איינמאל, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אין יעדן דור צוטיילט ער דער עונש, און דורכדעם וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. (מגד מגדים ווייס ח"ג סאטמאר תרצ"א)

*מדור העובדות*

## *****דער הייליגער רבי פון אלכסנדר זצוק"ל מאכט די ביימער געבן אסאך פרוכט*****

הרה"ח ר' שלמה מטשענסטחוב פון די דערהויבערנע חסידים פון הייליגן ישמח ישראל פון אלכסנדר זצוק"ל האט דערציילט ווען ער איז אמאל געפארן אויפן באן מיט חסידים וואס זענען יעצט געווען אין אלכסנדר ביים רבין, האט זיך געזעצט לעבן זיי א איד וואס פרעגט זיי פון וואו קומען זיי יעצט, האבן זיי געענטפערט פון אלכסנדר רבין, האט ער זיך אנגערופן צו אונז איר זענט טאקע חסידים און איך בין נאר א שוסטער, אבער איך קען אייער רבין גאר גוט ווייל ער האט מיר געהאלפן דורך א אפענער מופת, און דערציילט:

איך האט געוואוינט אין שטאט קאלישיק און געהאט א קליין פלאץ וואו איך פלעג פארעכטן שיך וואס דאס האט מיר געברענגט זייער ענג פרנסה אבער וואס האב איך געקענט טאן, און איך בין געווען צופרידן אז עס איז דא אויף צו עסן,

אבער מיט די צייט איז מיין טאכטער געווארן גרויס און מען דארף א שידוך, און עס איז נישט געווען מעגלאך בדרך הטבע אז איך זאל קענען האבן געלט פאר א נדן, האט מען מיר געזאגט אז אין אלכסנדר איז דא א רבי וואס איז א פועל ישועות און וועט מיר קענען העלפן, בין איך געפארן צו אים און אויסגעגאסן מיין הארץ סיי אויף מיין פרנסה, און סיי פאר א ברכה פאר מיין טאכטער, דער רבי הערט מיר אויס און גיט מיר א ברכה אז דער אויבערשטער זאל דיר העלפן.

עס איז אריבער יענע ווינטער און נישט נאר איז געווארן בעסער מיין מצב, נאר פארקערט איך האב געהאט גערדונגען פון פריץ א פרוכט גארטן וואס איך האב דארט געארבעט און פון דעם געהאט א שטיקל פרנסה און פלוצלינג איז געקומען א גוי און האט איבער גערעדט דעם פריץ אז ער זאל אים דאס פארדינגען און יעצט וועל איך דאס אויך נישט האבן, בין איך ווייטער געפארן קיין אלכסנדר און אויס געוויינט פארן רבין אז איך בין נאך נישט געהאלפן געווארן און דערציילט פון גארטן אז דער גוי וויל דאס צונעמען פון מיר, האט דער רבי מיר געענטפערט זארג זיך נישט, פאר אהיים און דו וועסט נאך האבן די פרוכט גארטן פון פריץ און דו וועסט אויך בקרוב קענען חתונה מאכן דיין טאכטער.

איך בין אוועק געפארן אביסל א צופרידענער האפענדיג אויף א ישועה, אבער ווען איך בין אהיים געקומען האב איך געהערט אז דער גוי האט שוין געגעבן געלט פארן פריץ און דאס מיינט אז דער גארטן וועט נישט זיין מיינס, און איך ווער צובראכן און קען נישט פארשטיין וואס איז מיט דעם צוזאג פון אלכסנדר רבין וואס איז א פועל ישועות! האב איך זיך פארט געשטארקט אז זיכער וועט זיין דא א ישועה און איך האט גענומען דעם תהלים און מתפלל געווען פאר ישועות ה', דער צדיק איז נישט געבליבן שולדיג און האט שוין געארבעט פאר מיר ווייל אין עטליכע טעג ארום נאך וואס דער גוי האט געענדיגט מיטן פריץ, איז דער גוי אריין אין גארטן און קוקט ארום אין גארטן און באטראכט די אלע ביימער און זעהט אז עס איז א מקח טעות, ווייל די ביימער לויט זיין פארשטאנד וועלן זיי נישט ארויסגעבן גוטע פרוכט און ער וועט דערלייגן זיין געלט וואס ער האט אריין געלייגט, איז ער געווארן ווילד און גייט צוריק צום פריץ און זאגט אז מען האט אים אריין גענארט ווייל די ביימער זענען נישט גוט און ער וויל צוריק ציען פון מקח!

באמת האט דער פריץ נישט געהאט קיין חשק דאס צו פארדינגען פארן גוי נאר דער גוי האט אים אזויפיל געבעטן האט ער דאס געטאן און יעצט איז דער פריץ געווען צופרידן און מבטל געמאכט דעם מקח, אבער פארן פריץ איז נישט געווען איינגענומען זאגן אז ער וויל מיר דאס צוריק פארדינגען, און איך באקום א שליחות אז דער פריץ רופט מיר און איך קום אן און דער פריץ זאגט מיר אז ער האט א פאר שיך וואס ער דארף פאררעכטן, און איך קלאג פאר אים פארוואס ער האט פון מיר צוגענומען דעם פרוכט גארטן האט דער פריץ מיר דערציילט וואס איז געשען אז דער גוי האט אים געמוטשעט אבער יעצט ציט ער צוריק, און ער וויל דאס מיר צוריק פארדינגען, און ער איז מסכים מיר דאס געבן פאר 30 רובל וואס איז געווען אסאך וויינעגער געלט ווי ביז יעצט.

דער פריץ האט מיר נישט געוואלט דערציילן אז דער גוי האט געזען אז די ביימער וועלן נישט קענען געבן גוטע פרוכט, אבער צום סוף האט איך דאס אליין געזען און עס איז מיר ווייטער שלעכט געווארן אז איך גיי פארלירן די געלט וואס איך האט אפגעשפארט און דאס געגעבן פארן גארטן! עס גייט אריין אין מיר ווייטער מחשבות אויפן צדיק וואס יעדער מאל וואס ער זאגט מיר עפעס ווערט דאס נישט בעסער נאר פארקערט, בין איך ווייטער געפארן צום צדיק און דערציילט אים אלעס וואס איז געשען און איך זאג אז מיין 30 רובל וועל איך אויך פארלירן פרעגט מיר דער צדיק פארוואס מיינסטו אז דו וועסט דערלייגן דיין געלט? האב איך געזאגט אז די ביימער וועלן נישט ארויסגעבן גוטע פרוכט! האט דער צדיק מיר געפרעגט ווער זאגט דיר דאס?

דער צדיק זאגט האסט א גרויסע טעות און ער גייט צו א ליידל און נעמט ארויס 15 רובל און זאגט מיר נעם די געלט און אזוי האסטו כאטש האלב געלט צוריק, אבער איך וויל זיין מיט דיר א שותף אין דעם גארטן, דא האב איך שוין געהאפט אז די ישועה איז נאנט און איך האב מסכים געווען צו זיין א שותף מיטן רבין, איך קום אהיים און דערציייל מיין ווייב אז דער רבי האט מיר געגעבן האלב געלט צוריק און יעצט האבן מיר עפעס געלט צו קויפן עסן פארן שטוב, וואס זיי זענען שוין געווען הונגעריג פון נישט עסן צוויי טעג, און איך האט מחליט געווען אז איך בלייב אין שטוב ווייל וואס האב איך צו גיין אין א גארטן וואס גיט נישט קיין גוטע פרוכט.

עס איז שוין געווארן זומער און א גרויסער קונה פון לאדז וואס קומט יעדן יאר קויפן פרוכט קלאפט אין טיר און וויל יעצט קויפן אסאך פרוכט, און עס ווערט מיר שלעכט אבער מיין ווייב שרייט אז דער רבי איז דאך א שותף מוז זיין אז עס איז געווארן גוטע פרוכט, און איך גיי אריין מיטן קונה און איך זעה אז אויפן בוים זענען דא שיינע פרוכט און איך נעם זיך צו די ארבעט און נעם אראפ אסאך פרוכט און דער קונה פון לאדז איז געווען זייער צופרידן און האט מיר באצאלט א גוטע פרייז. עס איז מיר געווען קלאר ווי טאג אז דער רבי האט געמאכט א מופת אז די ביימער זאלן געבן גוטע פרוכט.

איך בין שוין געבליבן דארטן אין גארטן און באארבעט די ביימער און עס איז געווען א שפע פון פרוכט, און זייער אסאך מענטשן זענען געקומען פון איבעראל קויפן ווייל מען האט געהערט אז איך האב גאר גוטע פרוכט, איך האב גענומען א פאס און דאס באהאלטן אין די ערד און אלע געלט וואס איז אריינגעקומען האב איך דארטן געלייגט, עס איז אריין א זעלטענע ברכה אז איך האב געמוזט זיין אין גארטן ביז נאך סוכות ווייל עס איז געוואקסן און געוואקסן אזויפיל פרוכט, ווען די פרוכט האבן זיך געענדיגט האב איך גענומען די פאס און דאס נישט געעפענט און גלייך געפארן קיין אלכסנדר צום רבין זיך צוטיילן אין די געלט, און עס איז אויסגעקומען אז מיר האבן פארדינט 900 הונדערט רובל, א פארמעגן! און איך זאג דעם רבין אז מען דארף זיך צוטיילן, זאגט מיר דעם רבין ניין! נעם ערשט 700 רובל און מאך חתונה דיין טאכטער, און די איבעריגע 200 איז פאר דיר ווייל דו האסט דאך געארבעט פארדעם!

האט דער שוסטער אויסגעפירט אז ער האט געטראפן א גוטע שידוך און געהאט צו לעבן מיט הרחבה פון דעמאלטס אן, דער רבי האט געפראוועט צוויי זאכן פאר מיר א שידוך און פרנסה מיט א מופת, זיע"א. (תפארת ישראל אלכסנדר לאדז תרצ"א)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

ספר אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 רב אלפס סלאוויטא ר' משה מועד חלק שני מצב מפואר $3500 רב אלפס נזיקין ג' בבות מצב מפואר $4000 ספר עם חתימת הגה"ק מבוטשאטש $20000, 13 כרכים שונים גמרות זיטאמיר $10000 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500 הזמנה בכתב יד מהרה"ק ר' ישראל מטשארטקוב לנשואי בנו רב נחום מרדכי $3500 מכתב ארוך של הגה"ק ר' שאול בראך $6000 תהלים זיטאמיר עם מצודות $24000 ספר דרכי האמונה יאס ידוע לשמירה דפו"ר נדיר $800 תהלים זיטאמיר מהסידור $7000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר התמונות ופעילות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $4000 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט